# עונג שבת



גוט שבת אלע אידן. עס שטייט אין די וואכעדיגע סדרה ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.״ זאגט דער אייבערשטער: איר זאלט מאכן פאר מיך א מקדש, און איך גיי רוען אין זיי. (שמות כה,ח) די מפרשים פרעגן פארוואס עס שטייט ״בתוכם״ אין זיי? לכאורה לויט דעם פשוטן פשט אז דער פסוק רעדט פון דעם משכן, האט דאך געדארפט שטייען אין פסוק ״בתוכו״ אין עס, ד״ה אז די שכינה וועט שורה זיין אין דעם משכן. ענטפערן די ספרים הקדושים, ״בתוכם״ מיינט די אידן. ד״ה, די הייליגע שכינה קען שורה זיין אין יעדען איד.

זאגט דער של״ה הקדוש אויף דעם פסוק, ״...ונמצאת השכינה כאכסנאי הולך ממקום למקום... כלומר בכל מקום שילכו [בני ישראל] אלך עמהם ואשכון בתוכם וכו׳״ (ספר שמות - פרשת תרומה, תורה אור א) ד״ה וואו נאר די אידן זאלן זיין אין דעם טינקעלן גלות, טוט די הייליגע שכינה באגלייטן און רוען צווישן אידן. די פאלגענדע מעשיות ווייזן ווי די הייליגע שכינה האט באגלייט איין איד דורך זיין לעבן.

עס איז געווען אין די שווערע מלחמה טעג. דער 12 יעריגער קינד דניאל (זיין עכטע נאמען) איז געזעסן אין דעם באן קאר אויפן וועג קיין אוישוויטץ, דער אייבערשטער זאל אפהיטן. דער באן איז געווען מורא'דיג אנגעפאקט מיט אידן. פארשטייט זיך אז די דייטשע רשעים ימ״ש האבן נישט געגעבן צו עסן. די ביסל עסן וואס די אידן האבן מיטגעברענגט איז שוין לאנג צוריק אויפגעגעסן געווארן. און די אידן האבן שטארק געהונגערט.

דער יונגעל דניאל איז געווען מורא'דיג הונגעריג און ער האט נישט געוואוסט פון וואו וועט קומען די ישועה. ער האט פרובירט צו שלאפן, אבער דאס הונגער האט אים נישט געלאזט האבן קיין מנוחה. פלוצלינג האט ער באמערקט א האנט וואס איז ארויסגעקומען פון ערגעץ. דער האנט האט געהאלטן א שטיקל עסן. דניאל האט שנעל גענומען דעם עסן, געמאכט די פאסיגע ברכה און עס געגעסן, האפענדיג אז עס וועט אים כאטש אביסל זאט מאכן.

דער פלא איז אז דניאל האט נישט געוואוסט פון וואו דער האנט איז געקומען. ער האט אפילו נישט געקענט זען דעם פנים פונעם מענטש וואס האט עס איבערגעגעבן פאר אים. שפעטער האט ער געטראכט אז דער האנט איז געווען דעם האנט פון ר׳ שמעון בר יוחי זי״ע. (דער מעשה איז געהערט געווארן פון שמחה סאלז, וואס איז געווען א ׳הויז בחור׳ ביי ר׳ דניאלן, און ער האט עס געהערט פון ר׳ דניאלן אליינס.) הרה״צ ר׳ דניאל פריש זצ״ל האט טאקע געהאט א באזונדערע שייכות מיט דעם זוהר הקדוש, דורך זיין גאנצן לעבן.

ווען דער יונגעל דניאל איז אנגעקומען קיין אוישוויטץ, איז ער צוזאמען מיט אנדערע קינדער פון זיין עלטער, גלייך געשיקט געווארן צו די גאס קאמערן. ער איז געשטאנען אין א לאנגע שורה נעבאך, ווארטענדיק צו זיין דעם נעקסטען קרבן, ה׳ ירחם. מיט יעדען פוסטריט האט ער זיך דערנענטערט צו חיי עולם הבא מיט שטארבן על קידוש השם. פלוצלינג האט די שורה זיך אפגעשטעלט. מען האט אויסגערופן אז עס איז ב״ה געשען א תקלה מיט די גאז קאמערן. זיי האבן אוועקגעשיקט די אידן פון דער שורה, כדי צו פארעכטן דעם ״פראבלעם.״

ווארטנדיג אין דרויסן, האט דניאל געזען אן אפיסער וואס האט געגעסן ברויט. עס איז געווען עטליכע טעג זייט דניאל האט עפעס טועם געווען. ער האט זיך דערנענטערט צו דעם אפיסער, כדי אויפצוהייבן די טייערע ברעקלעך ברויט וואס זענען אראפגעפאלן אויפן ערד. דער דייטשער חיה האט באמערקט אז א קינד עסט זיינע ברעקלעך, און ער איז געווארן מורא'דיג אויפגערעגט. שנעלערהייט האט ער געקלאפט אויף דניאל׳ס קאפּ מיט א הארטע זאך, מיט גענוג כח אים צו הרג׳נען. פון דעם זעץ איז דניאל אראפגעפאלן אזוי ווי ער איז טאקע געשטארבן. דאן האט דער רשע געווארפן דניאל׳ס קערפער אויף א קליינע בארג פון קרבנות, הי״ד.

דורך א הפלאדיגע השתלשלות איז הרב דניאל פריש זצ״ל געראטעוועט געווארן פון דער מלחמה. שפעטער איז ר׳ דניאל געגאנגען וואוינען אין ארץ ישראל וואו ער איז געווארן א ריזיגער תלמיד חכם. איינער פון זיינע חברותאס הרה״ג ר׳ יעקב הילל האט געזאגט אויף ר׳ דניאל, אז אין די 12 יאר וואס זיי האבן געלערנט צוזאמען האט ר׳ דניאל גאר נישט פארגעסן פון זייער לערנען אין ש״ס. ער האט משפיע געווען אויף אסאך אידן מיט זיין הכנסת אורחים און זיין גמ״ח. מיט אלעס איז ר׳ דניאל געווען א מחבר פון ספרים אויך. זיין מערסט בארימטע ספר איז זיין הערליכע אויסגעארבעטע פירוש ״מתוק מדבש״ אויף דעם זוהר הקדוש. דער ספר איז געשריבן אין א קלארע שפראך וואס דערמעגליכט א גרעסערע עולם צו לערנען דער תורת הסוד.

עס איז דערציילט אז עטליכע מענטשן האבן פרובירט ארויסצוגעבן א פירוש אויפן זוהר הקדוש, אבער יעדער איינער איז ליידער נסתלק געווארן פארן ענדיגען. דערפאר זעט מען אז הרב ר׳ דניאל זצ״ל האט געהאט סייעתא דשמיא צו ענדיגען דעם פירוש. מען דערציילט אויך אז יעדעס מאל וואס ר׳ דניאל זצ״ל האט ארויסגעגעבן א באנד פון זיין חיבור אויפן זוהר, איז ער מורא'דיג שטארק אפגעשוואכט געווארן פאר עטליכע חדשים נאכדעם. (געהערט פון איינעם וואס האט עס געהערט פון ר׳ דניאל׳ס פלומעניק ר׳ גאטליב) עס זעט אויס אז עס פאדערט טאקע הימלישע כוחות ארויסצוגעבן א פירוש אויפן זוהר. ב״ה אז ר׳ דניאל זצ״ל איז געבענטשט געווארן מיט די כוחות און ער האט טאקע געענדיגט דעם חיבור.

נאך אן אינטערעסאנטער מעשה איז דערציילט וועגן ר׳ דניאל און זיין הייליגקייט. ר׳ דניאל האט געליטן זיין גאנצע לעבן פון ווייטאג אין זיינע ביינער, ל״ע. אמאל, האט אים איינער צוגערעדט אז ער זאל גיין צו א געוויסן ״דאקטאר״ אין אזיא וואס ״היילט״ מענטש פון אלע ערליי קראנקהייטן, ל״ע. דער קנייטש איז אבער געווען אז יענער ״דאקטאר״ האט נישט גענוצט קיין מעדיצינען אדער אנדערע על פי דרך הטבע׳דיגע וועגן צו היילן. נאר וואס? דער ״דאקטאר״ האט גענוצט א כח וואס יעדער איינער האט געזאגט אז עס איז כישוף!

דער איש קדוש ר׳ דניאל זצ״ל האט מסכים געווען צו באזוכן דעם ״דאקטאר,״ צו דער ערשטוינונג פון זיינע קינדער און בני משפחה. ווייל ר׳ דניאל איז דאך געווען מורא'דיג אפגעהיטן מיט די זאכן און אויך איז ער בכלל געווען א מדקדק במצוות.

דער טאג איז געקומען ווען דניאל איז טאקע אנגעקומען צו יענעם ״דאקטאר״ אין אזיא. ער איז אריינגעגאנגען צום ״דאקטאר״ אזוי ווי ער איז געווען פארטיפט אין זיינע הייליגע מחשבות. דער ״דאקטאר״ האט אנגעהויבן צו ניצן זיין ״ענערדגזי״ אויף ר׳ דניאל צו ״היילן״ זיינע ביינער. אבער דער ״דאקטאר״ האט פלוצלינג אפגעשטעלט און געזאגט אז ער האט נישט קיין כח צו היילן ר׳ דניאל. קיינער האט נישט פארשטאנען פארוואס, ביז ר׳ דניאל אליינס האט שפעטער דערציילט אז ער האט געזאגט ״שמע ישראל״ דעם גאנצען צייט ווען ער איז געווען ביים ״דאקטאר!״ דעמאלט האט מען פארשטאנען די ווערטער פונעם ״דאקטאר״ וואס האט דעמאלט געזאגט צו ר׳ דניאלן ״איר ארבעט קעגען מיר!״ (בשם הגר״י וואזנער שליט״א ראב״ד חסידי סקווירא מאנטריאל)

אפאר וואכן צוריק האט ר׳ דניאל געהאלטן אין מיטן לערנען מיט זיין זון ווען ער האט פלוצלינג נישט גוט געפילט, ל״ע. הצלה האט אים געברענגט צום שפיטאל, און דערנאך האט ער נעבאך פארלוירן הכרה. לויט וואס די דאקטוירים דערציילן, האט ר׳ דניאל זיך פלוצלינג אויפגעוועקט און ער האט געבעטן א גלאז וואסער, כאטש אז עטליכע מינוט פאר דעם האט ער אינגאנצען פארלוירן הכרה. ער האט געמאכט א ״שהכל״ אויפן וואסער און דאן האט דער באשעפער צוריקגענומען ר׳ דניאל׳ס הייליגע נשמה. יהי זכרו ברוך.

״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.״ מען זעט ווי איין איד האט זיך געמאכט ראוי פאר השראת השכינה. דאס איז א דוגמה פאר אונז אלע. דורך לערנען די הייליגע תורה בקדושה און טהרה און זיין מדקדק במצוות, קענען מיר אלע זיין ראוי צו השראת השכינה. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו״ש של מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח״י
לע״נ אברהם בן ליפא ע״ה, לע״נ עמרם בן שמעון ע״ה, לע״נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע״ה
לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845) כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)